בסייעתא דשמיא

# קרית ברסלב באנגל

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

פרשת תולדות, ב' כסליו תש"פ לפ"ק
שנה א' גליון ט'

**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות......................4:11
מוצאי שבת קודש....................5:41

## א מעשה פון תפלה

### מרדכי אהרן היילפרין

אזוי ווי די ראש ישיבה שליט"א האט געבעטן פון די אינגעלייט אז מען זאל קומען יעדן אינדערפרי לערנען אין כולל האב איך אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל דאס קענען באוויזן יעדן טאג און ברוך השם איך שטיי אויף יעדן טאג צייטליך.

### יעקב משה אינדארסקי

איך האב באקומען א אויפגאבע פון דעם ראש ישיבה שליט"א צו זיין די גבאי מוצאי שבת ווען די משפחות ווילן קומען זיך מזכיר זיין, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן זייער שטארק אז עס זאל זיך גוט אויסארבעטן און אלעס זאל קלאפן על צד היותר טוב און ברוך השם עס איז געווען זייער גוט און יעדער איז ארויס צופרידן.

### אברהם הערש וועבערמאן

מיין ספעפטיק טאנק האט זיך צובראכן און דאס צו פיקסן קען זיך אסאך מאל ארייננציען אין ריזיגע געלטער, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס קענען פיקסן פאר א קליינע אפצאל, און די אייבערשטער האט געהאלפן אז מען האט נאר געדארפסט פיקסן איין קליינע חלק פון דעם סיסטעם און אויך איז עס געווען פאר א גוטע פרייז ברוך השם.

## בריוו פון דעם ראש ישיבה שליט"א

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת וישלח, י"ג כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

א גרויסן יישר כח פארן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אין דעם זכות זאלסטו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

איך האב ערהאלטן די נעמען פון די אינגעלייט וועלכע קומען צום שיעור גמרא יעדע נאכט; איך פריי מיך זייער אז איר זענט זיך מחזק מיטן דף גמרא.

איך ווארט שוין צו הערן אז דו האסט געקויפט א דירה אין דעם פלאץ וואו מיר גייען בויען א שטעטל על שם רבינו: "ברסלב'ע קריה", וואו מיר וועלן קענען לעבן א לעבן מיטן רבי'ן און מחנך זיין אונזערע קינדער מיט'ן רבי'ן.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן קענען אריין ברענגען דעם רבינ'ס זיסע עצות אין די וועלט.

ווער האט געקענט טראכטן פאר צען יאר צוריק וואספארא מהפכה די ישיבה וועט מאכן אויף די וועלט; וויפיל צענדליגער טויזנטער מענטשן וועלן לעבן אויף די חיזוקים פון ישיבה. דאס איז אבער נאך גארנישט וואס עס וועט זיין, מיר האלטן נאך ביים אנהויב...

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן קענען פאלגן די צוואה וואס מוהרא"ש האט אונז איבערגעלאזט, וואו ער האט אונז געהייסן עוסק זיין אין הדפסה, הפצה און זען עס זאל זיין שלום בין אנשי שלומינו.

**מודעה**

מיר ווילן מעלדן אז די בית המדרש וועט זיין פארמאכט אויף שבת פרשת ויגש הבעל"ט ווי אלע איינוואוינער וועלן זיין ביים גרויסן שבת "שבת התוועדות שבת סיום הש"ס"

# שבת חיי שרה מיט די ראש ישיבה שליט״א

**באטע שיעור:** מען האט געלערנט היינט אין גמרא (נדה ל:) **א)** פאר א קינד ווערט געבוירן ברענט א לעכט אויף זיין קאפ און ער קען זעהן פון איין עק וועלט ביז די צווייטע **ב)** מען לערנט אים אויס די גאנצע תורה. ווען ער ווערט געבוירן קומט א מלאך און געט אים א פליק אזוי פארגעסט ער די גאנצע תורה: שטעלט זיך די שאלה - די גמרא זאגט נישט וואס געשעהט מיט די לעכט? פלעגט מוהרא״ש זי״ע נאכזאגן פון הייליג׳ן סאטמאר רבי זי״ע אויב האט ער שוין נישט די תורה איז שוין נישט קיין חילוק צו ער קען יא אדער נישט זעהן פון איין עק וועלט ביז די צווייטע: האט די ראש ישיבה ארום גערעדט פון דעם ווי מען נארט היינט אפ מענטשן מיט דעם וואס ער קען זעהן וואס טוט זיך ביי דיר פריוואט און מיט דעם וואס ער קען ליינען דיין האנט וכד׳ וואס מען דארף זיך בכלל נישט צוטוהן מאכן פון דעי אלע, נאר גיין דייקא צו א צדיק וואס געבט מיר א וועג צו לערנען - א וועג צו רעדן צום אייבערשטן - און א וועג וויאזוי זיך צו פירן מיט א ווייב.

אויך האט מען ארום גערעדט פון די סיום הש״ס וואס מען גייט יעצט האבן בקרוב, מען האט געשמועסט פון אלטע זכרונות פון זיבן יאר צוריק ווי די ראש ישיבה שליט״א האט דעמאלטס געבעטן אז מען זאל יעצט אנהייבן ש״ס אזוי אז אין זיבן יאר ארום וועט מען זוכה זיין צו מאכן א סיום הש״ס - און יעצט האלט מען שוין דא ב״ה, די ראש ישיבה האט גערעדט צו די עלטערע קינדער זיי זאלן יעצט אנהייבן ש״ס א דף א טאג - אזוי אז אין זיבן יאר ארום ווען זיי וועלן שוין זיין חתונה געהאט און האבן א קינד וועלן זיי זוכה זיין צו ענדיגן ש״ס, וואס דאס איז חוץ די ש״ס וואס מען ענדיגט פאר זיך ווען מען לערנט די אייגענע שיעורים כסדרן.

**שיעור פעולת הצדיק:** ווען די הייליגע רבי נתן ז״ל איז מקורב געווארן האט די הייליגע רבי פארגעלערנט די תורה ה׳ אין ליקוטי מוהר״ן חלק ב׳ וואס רבי נתן האט שפעטער געזאגט אז ער האט נישט פארשטאנען די גאנצע תורה נאר איין זאך אז אויב מען הערט רעדן אויף א צדיק איז עס ווייל באמת בין איך נישט ראוי צו זיין ביי דעם צדיק איז במילא שטעלט מען מיר א נסיון אז איך זאל הערן רעדן שלעכטס אויף דעם צדיק און וועלן אוועקגיין, די ראש ישיבה האט פארציילט וויאזוי מען האט פראבירט אים אפצורעדן צו אוועקגיין פון מוהרא״ש אבער עס גארנישט געהאלפן ווייל ער האט אלץ געמאכט דעם חשבון וואס באקום איך פון מוהרא״ש במילא אינטערסירט מיר נישט וואס דו רעדסט אנטקעגן.

**סיפורי מעשיות:** פארגעלערנט די צענטע מעשה חכם ותם ווי דער תם האט געלעבט א פרייליכע לעבן און ער האט אלעס געהאט ווייל ער איז געווען פרייליך. נאכדעם וואס א מענטש האט שוין א שיינע גרויסע הויז מיט אלע שיינע זאכן אין די הויז דארף מען נאכאלץ ארבעטן אויף זיך צו זיין פרייליך, און מען דארף זעהן צו אריינברענגען די תמימות פון דעם תם אויך אין די ווייב, די ראש ישיבה האט אסאך ארום גערעדט וויאזוי זיך צו פירן מיט א ווייב, עס איז דא מענטשן וואס טוהן חסד און זענען עוסק הפצה פאר די גאנצע וועלט חוץ אין שטוב, מען דארף זעהן צו שיין רעדן צו א ווייב, מכיר טוב זיין דעם אייבערשטן יעדן טאג וואס מען האט א ווייב, בפרט דעם טאג וואס מען האט חתונה געהאט האט מוהרא״ש איינגעפירט אז מען זאגט הלל [אן א ברכה] צו דאנקן דעם אייבערשטן אויף די געוואלדיגע נס.

**שלש סעודות:** מען דארף זיין בקי ברצוא און בקי בשוב דאס הייסט אז אפילו ווען עס גייט נישט וויאזוי איך וויל - איך דארף יעצט גיין מיט א קינד אין שפיטאל וכד׳ זאל איך מיך נאכאלץ נישט פארלירן נאר ווייטער רעדן צום אייבערשטן און דארט לערנען די שיעורים קבועים.

**נאך די דף שיעור:** די גמרא פארציילט (נדה ל״א) עס איז געווען צוויי סוחרים וואס האבן זיך געגרייט ארויסצופארן אויפ׳ן וואסער פאר ביזנעס, איז אריין אין איינעם א נאגל און ער האט נישט געקענט מיטפארן, האט ער אנגעהויבן צו שעלטן, שפעטער איז ער געוואר געווארן אז די שיף האט געזינקן האט ער געדאנקט דעם אייבערשטן אויף די נס. האט די ראש ישיבה געזאגט אז א מענטש דארף אלץ וויסן אז אלעס וואס עס פאסירט מיט אים איז פאר זיין טובה און ווען עס גייט עפעס נישט גוט זאל מען נישט שעלטן נאר וויסן אז דאס איז זיכער פאר מיין טובה אפילו מען זעהט נישט אייביג בחוש.

**מלוה מלכה** איז נישט פארגעקומען פאר די איינגעשטעלטע ווי געפלאנט נאכדעם וואס עס האט זיך געצויגן א לאנגע צייט אויפצונעמען די משפחות וואס זענען געקומען זיך דורכרעדן מיט׳ן ראש ישיבה שליט״א, ועוד חזון למועד.

Abraham Weberman
Loan officer – NMLS # 1695646
Email- Aweberman@oep.mortgage
Cell. 347.932.4432
86 Route 59 Suite 202C
Spring Valley NY, 10977
ONYX Equity Partners
Onyx Equity Partners Corp. NMLS# 1371935
Registered Mortgage Broker - NYS Department of Financial Services
Broker arranges mortgage loans with third-party providers.

HURLEYVILLE LEASING
AUTO SALES & LEASING
845.720.0041
SALES@HURLEYVILLELEASING.COM